# סעודה שלישית פרשת חוקת ה'תשס"ה

ביי שלש סעודות האט מוהרא"ש שליט"א, גערעדט מורא'דיגע דיבורים אין ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' קצה וואס דער רבי זאגט א פשט אויפן פסוק (תהלים ד') **בצר הרחבת לי- אז אפילו אין די צרה אליין, פארברייטערט אונז דער אייבישטער, ווייל אויב א מענטש וועט קוקן אויף די חסדים פונעם אייבישטער, וועט ער זעהן, אז אפילו ווען דער אייבישטער מאכט איהם שמָאל, איז דעמאלם אליין פארברייטערט ער איהם אויך, און ער פארגרעסערט זיין חסד מיט איהם. און דאס איז די פשט פון "בצר הרחבת לי", אז אפילו ווען ס'איז דא א צרה איז דא אויך א הרחבה אין די צרה אליין, אויסער דעם וואס מיר ווארטן אז השם יתברך וועט אונז בקרוב אויסלייזן פון אלע צרות, און ער וועט זיך כביכול מיט אונז גוט'ס מאכן, אבער אפילו אין די צרה אליין שוין דעמאלס טוט ער מיט אונז גוט'ס – דאס זאגט דער רבי ז"ע.**

מוהרא"ש נ"י האט מסביר געווען אז דער רבי איז אונז דא מגלה א מורא'דיגע התחזקות פאר די גאנצע לעבן, אז א מענטש זאל שטענדיג קוקן אויף די הרחבות וואס השם יתברך איז איהם מרחיב אין די צרות, ווייל אפילו אז עס גייט אויף איהם איבער גרויסע צרות, און ס'איז דאך נישט דא א מענטש וואס איז ריין פון יסורים, רחמנא ליצלן, אבער אויב ער וועט גוט באטראכטן זיין לעבן, וועט ער פארשטיין אז די גאנצע תכלית פון די צרות און יסורין איז נאר איהם צו דערנענטערן צום באשעפער, און טאמער ער וועט זיך מתבונן זיין, וועט ער פארשטיין אז אלע צרות זענען געווען נאר לטובה, אזוי ווי חז"ל (ירושלמי תענית יא.) זאגן אויף דעם פסוק **"בצר הרחבת לי"** - האט דוד געזאגט פאר הקדוש ברוך הוא, רבון העולמים, יעדע צרה וואס איך בין אין איהר אריינגעגאנגען, האסטו פארברייטערט, איך בין אריין געגאנגען אין די צרה פון בת שבע האסט מיך געגעבן שלמה'ן, איך בין אריין געגאנגען אין די צרה פון יודן האסטו מיך געגעבן דעם בית המקדש, עיין שם, ווייל דוד המלך האט געהאט די בקיאות – טרעפן דער אייבישטער אין אלע זיינע צרות, אזוי האט ער מחבר געווען דעם תהלים, און אזוי האט ער געלויבט און געדאנקט

דער אייבישטער, אפילו ס'איז אויף איהם אריבער מורא'דיגע צרות א גאנץ לעבן, האט ער נישט אפגעלאזט די וועג פון תפילה, און זינגען שירות ותשבחות פאר'ן באשעפער, ווייל ער האט אלעמאל געזוכט די הרחבות וואס דער אייבישטער האט איהם מרחיב געווען אין די צרות, און ער האט משבח געווען דער אייבישטער אויף זיי, וואס דאס וואס עס שטייט אין די פסוק (תהלים ד') בקראי ענני אלקי צדקי **בצר הרחבת לי** חנני ושמע תפלתי; דו מיין גאט וואס דו טוסט מיט מיר צדקה, האסטו מיר דאך אלעמאל מרחיב געווען, ווייל איך האב געטראפן די הרחבות וואס דו האסט מיך מרחיב געווען אין די צרות, און אויף דעם בעט איך דיר – ער אוים מיין געבעט'ם אויף ווייטער, איך זאל קענען ארויס צו גיין פון אלע צרות, און ווער ס'פירט זיך אזוי, קען טאקע ארויסגיין פון אלע צרות.

און די כח צו טרעפן דער אייבישטער אויך אין אלע צרות, און קיינמאל נישט אנטלויפן פון איהם, איז א ספעציעלע כח וואס נאר יודן האבן, וואס זיי ווערן אנגערופן "העמוסים מני בטן" (ישעיה מו, ג) - קינדער פונעם אייבישטער, און זיי נעמען זיך אונטער די גזירת שמים מיט ליבשאפט, און זיי קענען זיך גארנישט אפשיידן פון דער הייליגער באשעפער, אבער די גוים האבן נישט די כח, און גלייך ווען ס'גייט אויף זיי עפעס איבער, שעלטן זיי די טאג, און זיי שעלטן זייערע אפגאט, ווייל זיי האבן נישט די בקיאות פון "**בצר הרחבת לי**".

דעריבער טרעפן מיר (עבודה זרה ג.) אז לעתיד לבא, ווען די פעלקער וועלן טענה'ן אזי ווילן אויך באקומען שכר אזוי ווי יודן, וועט דער אייבישטער זיי זאגן: איך האב איין גרינגע מצוה – מצוות סוכה, גייט'ם און מאכט'ם די מצוה, גלייך גייט יעדער און בויעט א סוכה אויפן שפיץ דאך, און דער אייבישטער נעמט ארויס די זון אזוי ווי ביי די תמוז-טעג, און יעדער גוי שטויסט זיין סוכה און גייט ארויס, עיין שם.

ווייל ביי אומות העולם איז גארנישט פארהאנען אזא מושג זיך צו דערהאלטן אין א צער, און גלייך ווען עס גייט אויף זיי עפעס איבער א ביטערקייט וכו' - לויפן זיי אוועק, אבער די נשמות ישראל, אפילו ווען זיי מוזן ארויסגיין פון די סוכה וועגן היץ אדער צוליב רעגן, גייען זיי ארויס מיט הכנעה און מיט בושה, און זיי בענקען זיך

breslevcity.co.il

צוריק צו גיין ווי שנעלער, דעריבער ווערט מען געפרובט דווקא ביי מצות סוכה דייקא, וואס איז די שאטן פון אמונה, און דורך די מצוה ווערט אנטפלעקט די יודישע אמונה, און אז זיי נעמען אן אלעם באהבה, און זיי ווייסן, אז דער באשעפער וועט זיי שוין אמאל מרחיב זיין, דעריבער נעמט מען נישט אָן גרים ביי משיח׳ם צייטן (יבמות כד ע״ב) און נאר דער וואס האט געהאט די כח צו ליידן יסורים ביי די שווערע צייטן דער וועט האבן א ערלויבעניש זיך צו דערנענטערן, און אזוי איז אויף ביי די ערליכע יודן, וואס אויף די וועלט ליידען זיי אסאך פון רשעים וואס טרויערן זיי, אבער לעתיד וועט נתגלה ווערן פאר אלעמען זייערע מעלה, און אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן חלק א׳ סי׳ סו) אז דער עיקר גרויסקייט פון ערליכע אידן וועט נתגלה זיין לעתיד. וואויל איז דער, וואס גייט מיט דעם גילוי פון **״בצר הרחבת לי״**, און ער טרעפט די הרחבות פון די לעבן.

און דאס וואס עס שטייט אין די וואכעדיגע סדרא (במדבר כ) **וישלח משה מלאכים מקדש אל מלך אדום, כה אמר אחיך ישראל אתה ידעת את כל התלאה אשר מצאתנו, וירדו אבותינו מצרימה וגו׳ ונצעק אל ה׳ וישמע קולינו וגו׳ נעברה נא בארצך וגו׳**. מ׳דארף פארשטיין, פארוואס האט משה רבינו געשיקט צו מלך אדום די פארציילונגען - **את כל התלאה אשר מצאתנו בדרך וגו׳, ונצעק אל ה׳ וישמע קולינו וגו׳**, וואס האט מלך אדום א נפקא מינה פון די אלע זאכן? אבער לויט דעם רבינ׳ם ווערטער איז דאס זייער גוט פארשטענדליך, ווייל משה רבינו האט איהם פארציילט די גרויסע כח וואס יודן האבן, זיך צו דערהאלטן אין אלעם וואס עס גייט אויף זיי איבער, דורך די עצה פון **״בצר הרחבת לי״**, טרעפן שטענדיג הרחבות וואס דער אייבישטער טוט מיט זיי - אין די צרות, וואס דאס איז - **אתה ידעת את כל התלאה אשר מצאתנו וגו׳, ונצעק אל ה׳ אלקינו וישמע קולנו וגו׳**, וואס מיר שרייען שטענדיג צום אייבישטער פון אונזערע צרות, און דער אייבישטער הערט אונז אוים, און ער איז אונז מרחיב, און דעריבער זאלסט אונז אויך לאזן אריבער גיין דורך דיין לאנד קיין ארץ ישראל, ווייל מיר האבן דיך שוין אפגעצאלט די חוב וואס איז געליגן אויף אונז, און דו קענסט נישט זיך א קעגן שטעלן אויף די ירושה, אזוי ווי רש״י טייטשט (פסוק י״ד), אז מיר ביידע דארפן אפצאהלן די חוב פון (בראשית טו) כי גר יהיה זרעך, אבער אייערע טאטע איז

breslevcity.co.il

אוועק געגאנגען פון יעקב אבינו, ווייל ער האט נישט געוואלט אפצאהלן די חוב, קענסטו גארנישט מעורר זיין אויף די ירושה, עיין שם.

ווייל דווקא נאר די יודען וואס האבן דעם כח צו טרעפן די הרחבות וואס זענען אין די צרות, האבן זיך אונטער גענומען אפ צו צאהלען די חוב פון "גר יהיה זרעך", ווייל זיי קענען אלעמאל טרעפן די הרחבות וואס דער אייבישטער איז מרחיב, און זיי ווייסן אז ס'איז כדאי ליידן אלעם כדי אנצוקומען צו די באוויליגטע תכלית, אבער ענק וואס עטץ האט'ם זיך נישט אונטערגענומען אפ צו צאהלען די חוב, אזוי ווי די וועג פון די גויים וואס קענען נישט ליידן קיין ביטערקייט – ממילא האט עטץ נישט קיין שייכות צו די ירושה, נאר לאז אונז שוין אנקומען צו די צוגעזאגטע לאנד, ווארום פון אלע אונזערע ליידן, וועלן אונז א ודאי אנקומען צו אונזערע תכלית. קומט אוים, אז ס'איז גאנץ גוט פארשטענדליך פארוואס האט זיי משה רבינו דאס דערציילט, והבן. זאל השם יתברך אונז מזכה זיין צו זעהן און די יודישע קינדער'ם ישועה, זאל אונז פארברייטערט ווערן פון אלע צרות מיט יסורים - ברוחניות ובגשמיות, און מיר זאלן שוין מקבל זיין פני משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן ואמן.

breslevcity.co.il